# שיגעלאסיס

שיגעלאסיס איז אַן אינפעקציע וואָס ווערט פאראורזאכט דורך *שיגעלע* באַקטעריע. סיי ווער קען באקומען שיגעלאסיס, אבער עס פאסירט על פי רוב צווישן קינדער אין עלטער פון 5 יאר און יונגער. *שיגעלע* באקטעריע פאראורזאכט אומגעפער 500,000 אינפעקציעס אין די פאראייניגטע שטאטן יעדן יאר.

## פארשפרייטונג

*שיגעלע* באקטעריע קען זיך גרינג און שנעל פארשפרייטן, ספעציעל צווישן יונגע קינדער אינדערהיים און אין שולע. סיי ווער קען באקומען שיגעלאסיס ווען די באקטעריע גייט אריין אין זייער מויל, וואס קען פאסירן דורך:

- עסן עסנווארג אדער טרונקען געטראנקען וואס זענען געמאכט געווארן אדער אנגערירט געווארן דורך איינער וואס האט שיגעלאסיס און פארפעסטיגט די עסנווארג אדער געטראנק מיט באקטעריע.
- אנרירן אויבערפלאכן, אזוי ווי שפילצייג, באדעצימער טיילן, טיר הענטלעך און טישלעך צו טוישן ווינדלעך, וואס האבן באקטעריע דערויף.
- קומען אין דירעקטע בארירונג מיט אפפאל (סטול), אזוי ווי טוישן דעם ווינדל פון א קינד מיט שיגעלאסיס אדער זיך אפגעבן מיט איינער וואס האט שיגעלאסיס.
- איינשלינגען פארפעסטיגטע וואסער בשעת'ן שווימען אדער שפילן.

## סימפטאמען

שיגעלאסיס סימפטאמען קענען ערשיינען איין ביז זיבן טעג נאכן זיין אויסגעשטעלט און דויערט געווענליך זיבן טעג. סימפטאמען קענען אריינרעכענען:

- מילדע אדער ערנסטע דייעריע (עס קען זיין בלוט אדער שליים אין די סטול)
- פיבער
- איבלונג
- בויך ווייטאג אדער בויך קרעמפן
- שפירן דעם געברויך צו ארויסגעבן אפפאל, אפילו ווען די קישקע איז ליידיג

טייל מענטשן מיט שיגעלאסיס האבן בכלל נישט קיין סימפטאמען.

## פארמיידונג

צו פארמיידן די פארשפרייטונג פון *שיגעלע* באקטעריע אינדערהיים און אין אייער קאמיוניטי:

- בלייבט אינדערהיים ווען איר זענט קראנק און שיקט נישט קינדער וואס זענען קראנק צו טשיילד קעיר און שולע.
- וואשט אייערע הענט  אפט מיט זייף און וואסער פאר אמווייניגסטנס 20 סעקונדעס, ספעציעל פארן עסן אדער צוגרייטן עסנווארג און נאכן נוצן דעם בית הכסא אדער טוישן א ווינדל.
    - העלפט קינדער אפט וואשן די הענט. נוצט האנט סאניטייזער מיט כאטש 60% אלקאהאל אויב ס'איז נישטא קיין זייף און וואסער.
- נישט צוגרייטן קיין עסנווארג אדער געטראנקען בשעת'ן נישט שפירן גוט.
- אויב א קינד איז קראנק, זאל ער\זי נישט מיטטיילן שפילצייג מיט אנדערע.
- טיילט זיך נישט מיט קיין האנטוכער.

- רייניגט און דיס-אינפעקטירט אלע געגנשטאנדן און אויבערפלאכן וואס קענען האבן געווארן גענוצט אדער אנגערירט דורך עמיצן מיט שיגעלאסיס (אזוי ווי שפילצייג, טיר הענטלעך, רעילינגס, טישן, קראנען, גלעזער און טישלעך צו טוישן ווינדלען).

**<u>באהאנדלונג</u>**

רוב מענטשן מיט שיגעלאסיס פילן בעסער פון זיך אליין אין פינף ביז זיבן טעג. אין ערנסטע פעלער, קען אייער העלט קעיר פראוויידער פארשרייבן אנטיביאטיק צו באהאנדלען אייער קראנקהייט. אויב איר האט שיגעלאסיס, מאכט זיכער צו:

- רוען.
- טרונקען אסאך פליסיגקייטן, אזויווי וואסער אדער עלעקטראלייט געטראנקען.
- פארבינדט זיך מיט אייער פראוויידער אויב איר זענט נאך אלס קראנק נאך זיבן טעג אדער איר באקומט טרוקענע הויט, מויל אדער אויגן.

פאר הילף מיטן טרעפן א פראוויידער, רופט **311** אדער 844-692-4692.

פאר נאך אינפארמאציע, רופט **311** אדער באזוכט nyc.gov/health און זוכט **"shigellosis" (שיגעלאסיס)**.

12.23 Yiddish